ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת חיי שרה

אידיש

**505**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק חמישי

## • חיי-שרה •

אין דעם פרק ווערט קלאָר דער טעם פאַרוואָס עס זענען דאָ אָרימע און רייכע מענטשן, און מוסר-רייד פאַרן אָרימאַן ער זאָל אַלץ מקבל זיין באהבה.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט
## פון פינפטער פרק


א. אַ טרייסט פאַר די וואָס זענען זיך מייאש פון זייער לעבן .... ג
ב. זיבן ענטפערס פאַר וואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי באַשאַפען די וועלט אַז עס זאָל זיין אָרימע און רייכע, און אַ תירוץ פאַר וואָס דווקא דער מענטש איז אָרים, און יענער איז רייך. ........................................ ג
ג. פיל מצוות וואָס דער מענטש איז מקיים יעדן טאָג און ער מיינט אַז ער איז עס נישט מקיים ........................ ו
ד. טרייסט-ווערטער פאַרן אָרימאַן........................ ז
ה. מוסר-רייד פאַרן אָרימאַן וואָס זיין מזל האָט אויפגעשיינט צום גוטן און ער איז רייך געוואָרן, אָבער ער פאַרמיאוסט זיך פון זיינע אָרימע חברים וואָס ער האָט געהאַט פון פריער. ........................ ח
ו. אַ מוסר השכל פאַר עמיצן וואָס מאַכט חתונה זיין טאָכטער צו אַן עם הארץ צוליב געלט ........................ יא
ז. די מעלה פון דעם אָרימען זון וואָס איז אַ תלמיד חכם ..... יג
ח. ווי אַזוי אַ שלעכטע פרוי קען פאַרפירן אין די ענינים ........ יד
ט. דער שידוך פון יצחק מיט רבקה ........................ טו
י. די גרויסע עבירה פון די מענטשן וועלכע ווילן שטאַרבן מתוך צער און אָרימקייט ........................ טז
יא. דער מענטש דאַרף שטענדיג זיין פריילעך, געדענקענדיג וועלכע מצוה ער איז מקיים – די שענדליכקייט פון פאַרברענגען די צייט מיט נאַרישקייטן ........................ יח

# פרק חמישי

## אַ טרייסט פאַר די וואָס זענען זיך מייאש פון זייער לעבן

**א. יודע הלבבות,** דער באַשעפער ווייסט די הערצער און פרובירט אויס די נירן. ער ווייסט וואָס די מענטשן טראַכטן אויף דעם וואָס זיי האָבן אַ שלעכט מזל און זענען מתרעם אויף דעם וואָס השם יתברך האָט זיי צוגעטיילט, און פרעגן, פאַרוואָס האָט עס דער באַשעפער מיט אונז געטאָן, צו מינערן אונז פון די עשירים וואָס פילן אָן זייערע הייזער מיט גאָלד און זילבער און מיר זענען זייער אָרים, און איין באַשעפער האָט דאָך אונז אַלע באַשאַפן.

**אין,** מען דאַרף זיך דערויף נישט מתרעם זיין, ווייל עס איז נישט צו פאַרשטיין די דעה פון אויבערשטן, ווי דער פסוק זאָגט, מיינע מחשבות זענען נישט אַזוי ווי אייערע מחשבות, זאָגט דער אויבערשטער, און ער איז דער האַר און נאָר ער אַליין ווייסט, און וואָס ער וויל דאָס טוט ער אויף דעם הימל און אויף דער ערד. אָבער מיר ווייסן באמת אַז אַלע זיינע וועגן זענען מיט דין. ער איז באגלייבט צו באַצאָלן שכר און טוט נישט קיין עוולה ח״ו, ער איז אַ גערעכטער גאָט.

## זיבן ענטפערס פאַר וואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי באַשאַפען די וועלט אַז עס זאָל זיין אָרימע און רייכע, און אַ תירוץ פאַר וואָס דווקא דער מענטש איז אָרים, און יענער איז רייך.

**ב. גם,** אויך ווייסן מיר געוויס, אַז אַלעס וואָס דער באַשעפער טוהט, איז עס צו באַגיטיגן דעם מענטשן, ווייל זיין כוונה איז מען זאָל אים דינען, כדי ער זאָל דערפאַר די מענטשן פיל שכר געבן, און דער מענטש דאַרף תשובה טאָן, ווייל די וואָס זענען אָרים האָבן אפשר אין פריערדיגן גלגול זייער פיל געזינדיגט, אָדער זיי זענען געבוירן געוואָרן אין אַזאַ טבע אַז אויב זיי זאָלן זיין עשירים וואָלטן זיי געטוהן

שלעכטס און געזינדיגט און נאָך אַנדערע אויך מאַכן זינדיגן, דעריבער איז דער אויבערשטער אויף זיי גוזר די אָרימקייט פון זייער טובה וועגן.

**או,** אדער איז מעגליך, אַז זיי האָבן הויכע און גראָדע נשמות, צו באַשיצן אויפן דור, זיי זאָלן לעבן און געשפייזט ווערן אין זייער זכות, אַזוי ווי (די חז״ל זאָגן) אַ בת קול האָט געזאָגט: די גאַנצע וועלט ווערט געשפייזט אין זכות פון ר׳ חנינא בן דוסא, און ר׳ חנינא באַגנוגנט זיך מיט איין קליינע מאָס באָקסער פון איין ערב שבת צום אַנדערן, צוליב זיין גרויס אָרימקייט.

**או,** אָדער וויל דער אויבערשטער מזכה זיין די רייכע, דעריבער באַשאַפט ער אָרימעלייט כדי די עשירים זאָלן געבן צדקה און דורך דעם ניצול ווערן פון גיהנם, ווי רבי עקיבא האָט געענטפערט צו טורנוסרופוס הרשע, ווען ער האָט אים געפרעגט, אַז אויב דער אויבערשטער האָט ליב די אָרימעלייט פאַרוואָס שפייזט ער זיי נישט, האָט אים רבי עקיבא געענטפערט אַז דאָס איז דערפאַר, כדי ער זאָל מיט זיי מזכה זיין די עשירים.

**ובחר,** און דעריבער האָט ער געמאַכט די דאָזיגע מענטשן פאַר אָרימעלייט און נישט אַנדערע, ווייל ער ווייסט אַז זיי וועלן קענעןליידן דאָס אָרימקייט, אָבער אַנדערע וואָלטן זיך אפשר אַ מעשה אָפגעטאָן, צוליב דעם צער פון דער אָרימקייט.

**או,** אָדער דעריבער האָט דער באַשעפער באַשאַפן אָרימע און רייכע, כדי עס זאָלן זיין אויף דער וועלט קנעכט און האַרן, ווייל ווען נישט דאָס, ווער וואָלט געזייט, ווער וואָלט געשניטן, און אויך אַלע מלאכות פון דער וועלט, און דורך דעם ווערן געמערט דער כבוד און די בושה אויף דער וועלט ווייל די אָרעמע טוען אָן כבוד די רייכע און שעמען זיך פאַר זיי.

**ואין,** און דו זאָלסט נישט פרעגן פאַרוואָס זענען די אָרים און די זענען רייך, דאָס איז נישט קיין קשיא, ווייל אַז עס וועט זיין פאַרקערט וועסטו פרעגן פאַרקערט, און ווי דען זאָל עס זיין, עס מוזן דאָך זיין אָרימע און רייכע מחמת דעם טעם וואָס מיר האָבן פריער געשריבן, און בפרט צו די אָרעמע ווערט זייער שכר געמערט אויף עולם הבא מער פון דעם עושר, און דערמיט ווערט אויסגעגליכן דער חשבון צווישן זיי.

**וגם,** און אויך ווען דער עושר האָט אויף דער וועלט פאַרלאָזט זיינע נאַרישע תענוגים, און האָט געלערנט תורה און עוסק געווען אין גמילות חסד, ווערט נישט געמינערט זיין שכר אויף עולם הבא.

**שהרי,** ווייל רבינו הקדוש, וועלכער איז געווען אַ גרויסער עושר, קען מען דען זאָגן אַז צוליב זיין עשירות האָט מען אים חלילה געמינערט זיין שכר פון עולם הבא.

**או,** אָדער מען קען זאָגן אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אָרימעלייט כדי אַז טאָמער עס קומט, חלילה, אַ מאָרד אָדער אַ הונגער אין שטאָט, איז דערפאַר ווייל דער אָרימאַן האָט אַ נידעריג געמיט שרייט ער צו השם יתברך מיט אַ ביטער קול, און מיטן גאַנצן האַרץ, און דער באַשעפער הערט צו די אָרימעלייט און דערבאַרימט זיך אויף זיי, און אויף עולם הבא גיט זיי דער אויבערשטער שכר דערפאַר וואָס זיי זענען אויף דער וועלט ווי אַרבעטער וועלכע אַרבעטן און נעמען געהאַלט, אַזוי נעמען זיי זייער שכירות אין עולם הבא. ווי גרויס איז זייער מעלה וואָס דורך זיי קומט הילף אויף דער וועלט.

**ואף על פי,** און כאָטש דער אָרימאַן איז זיך מתרעם, ער זאָגט איך בין אויף דער וועלט ווי אַן איבעריגע זאַך, איך בין איינגעזונקען אין אָרימקייט, איך בין ווי אַ שטיין וואָס מען שלאָגט זיך אָן אין אים, און חוץ דעם האָב איך קיין יכולת נישט מקיים צו זיין קיין שום מצוה און די טעג גייען אַוועק און איך בין נישט מרויח קיין געלט

און נישט קיין מצוות און איך בין גלייך ווי איינער וואָס איז שלעכט צו גאָט און צו לייט.

## פיל מצוות וואָס דער מענטש איז מקיים יעדן טאָג און ער מיינט אַז ער איז עס נישט מקיים

**ג. דע,** זאָלסט וויסן, דו אָרעמאַן, אַז דו ביזט אין אַ טעות, ווייל אַלע מענטשן צווישן די אידן, אַן עושר און אַן אָרעמאַן, זענען גלייך אין די מצות וואָס איך וועל דאָ אויסרעכענען. דען תיכף ווי ער שטייט אויף פון שלאָף, דער אָרימסטער מענטש לויבט ער צו זיין באַשעפער פון דער ברכה אשר יצר ביזן סוף אלע ברכות, ווייל דאָס קען אַן אָרימאַן זאָגן גלייך מיטן עושר.

**גם,** אויך איז ער מקיים די מצוה פון מזוזה און די מצוה פון ציצית, און דאַוונען און ענטפערן קדושה און ברכו און אמן יהא שמיה רבה און טלית און תפילין און דערנאָך לערנען חומש און משניות לויט זיין שכל, און וואַשן זיך צום עסן די ברכה פון המוציא און בענטשן, און אַז עס קומט אים צו דער האַנט אַ גמילות חסד וואָס דאַרף נישט קאָסטן קיין געלט, טוט ער עס, און וואָס ער שפייזט זיין ווייב און קינדער ווערט גערעכנט ווי ער טוט צדקה יעדע צייט, ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, און אַפילו וואָס ער אַליין עסט ווערט ער דערויף אָנגערופן חסיד. און די ברכה פון אשר יצר ווען ער טוט זיין צורך, און מנחה און מעריב און אלע מצוות לא תעשה וואָס ער איז נישט עובר אויף זיי, איז גלייך ווי ער איז זיי מקיים.

**אלה,** די דאָזיגע מצוות קען מקיים זיין אַפילו דער גרעסטער אָרימאַן. און די איבעריגע מצוות עשה וואָס ער קען נישט מקיים זיין אָן געלט, דהיינו לולב און צדקה, און דאָס גלייכן, אויב ער האָט אַ מחשבה זיי מקיים צו זיין, ווערט דאָס פאַררעכנט ביים אויבערשטן גלייך ווי ער איז זיי מקיים.

## טרייסט-ווערטער פאַרן אָרימאַן

**ד. ובהיות,** און אַז עס איז יאָ אַזוי, זאָל דער אָרימאַן נישט זאָגן, איך קען נישט מקיים זיין די מצוות צוליב מיין אָרימקייט און וואָס בין איך אויף דער וועלט, ווייל ער מערט זיך נאָך שכר דערמיט וואָס ער זוכט יעדן טאָג די מצוות מקיים צו זיין, און ביים אויבערשטן איז דאָס פאַררעכנט ווי ער איז זיי מקיים, נאָר עס דאכט זיך אים ער טוט גאָר קיין מצוה נישט ווייל ער קען נישט טאָן אַלע מצוות, און ווען ער קען אַפילו נישט מקיים זיין אַ טייל מצות צוליב זיין אָרימקייט, איז השי"ת מצרף אַ גוטע מחשבה צו אַ מעשה, ווי אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט.

**ואתה,** און דו, אָרעמאַן, כאָטש דו לעבסט אין צער, פאַרוואָס זאָלסטו זיך נישט פרייען מיט די מצוות וואָס דו מערסט יעדן טאָג, ווי וואָלט געווען ווען דו זאָלסט פאַרדינען געלט יעדן טאָג, וואָלסטו אַוודאי געוואַרט אויפן מאָרגענדיגן טאָג צו קענען נאָך פאַרדינען, כאָטש אַז דו וועסט שטאַרבן וועסטו אַלץ איבערלאָזן, איז דאָך זיכער אַז דו דאַרפסט זיך פרייען און בעטן דעם באַשעפער ער זאָל דיר פאַרלענגערן דיינע יאָרן כדי דו זאָלסט דיר קענען מערן נאָך שכר לעולם הבא.

**וביודעך,** און אַז דו ווייסט דאָס, דאַרפסו ליידן מיט ליבשאַפט דאָס אָרימקייט, און רעכן אַז דאָס איז גאָר ווייניג קעגן דעם שכר עולם הבא וואָס דו פאַרדינסט יעדן טאָג.

**ואם,** און אויב דו ביסט זיך מצער וואָס דיין אָרעמקייט איז גורם אַז מענטשן געבן דיר נישט אָפּ קיין כבוד און זענען דיך מבזה און האָבן דיך פיינט. טראַכט דיך איבער, אַז פיל כבוד איז דיר געהיט אויף עולם הבא, ווייל וואָס איז דען דער כבוד פון אַ בשר ודם, און אויך וואָס וועסטו דיר מיטנעמען פון דעם כבוד?

**ואם**, און אויב זיי האָבן דיך פיינט צוליב דיין אָרימקייט וואָס אַרט עס דיך, ס'איז געווג אַז דיין באַשעפער האָט דיך ליב ווי דער פסוק זאָגט, איך רוה מיט דעם אָרימאַן און מיט דעם וואָס האָט אַ נידעריגן געמיט, און פאַרוואָס זאָלסטו זיך מצער זיין פון דעם וואָס מענטשן גיבן דיר נישט אָפּ קיין כבוד, אָדער וואָס זיי האָבן דיך פיינט.

**ואם**, און אויב דו האָסט צער וואָס דיינע רייד ווערן נישט געהערט, ווי דער פסוק זאָגט "**חכמת המסכן בזויה**", די חכמה פונעם אָרימאַן איז מבוזה, זעה אבער אַז דער באַשעפער ברוך הוא הערט דיין קול ווי דער פסוק זאָגט "**שומע אל אביונים ה'**", דער אויבערשטער הערט צו די אָרימע, און אויב דו האָסט צער פון דעם וואָס מענטשן באַהעפטן זיך נישט מיט דיר, זע אַז די שכינה איז ביי דיר דיך צו באַגלייטן, און דו דאַרפסט זיך פרייען אַז דו זיצט נישט מיט זיי, ווייל דו ווערסט פאַרמיטן פון רעדן לשון הרע, רכילות, ליגענט און דברים בטלים.

**ואם**, און אויב דו ביסט זיך מצער ווייל מען בעט דיך נישט אויף קיין שום סעודה, באַטראַכט די תענוגים פון דעם גן עדן וואָס זענען פאַר דיר אָנגעגרייט, וואָס דער תענוג דערפון איז זעהר גרויס.

**מוסר-רייד פאַרן אָרימאַן וואָס זיין מזל האָט אויפגעשיינט צום גוטן און ער איז רייך געוואָרן, אָבער ער פאַרמיאוסט זיך פון זיינע אָרימע חברים וואָס ער האָט געהאַט פון פריער.**

**ה. אך**, נאָר עס איז צו קלערן אויף דעם וואָס מיר זעען כמעט יעדן טאָג, אַז צוויי אָרימעלייט האָבן זיך זייער ליב אַזוי ווי ברידער, און אַז איינער פון זיי ווערט רייך פרעגט ער שוין נישט אויף דעם חבר און מאַכט זיך גלייך ווי ער האָט אים גאָר נישט געקענט פון אייביג, אַנשטאָט וואָס ער וואָלט געדאַרפט דאַנקען און לויבן זיין באַשעפער וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו דערבאַרעמען זיך

אויף זיין ליבהאָבער אים צו העלפן, פאַרוואָס זאָל דער עושר נישט טראַכטן אַז ער איז נאָך יעצט אויך גלייך צו זיין חבר אין אַלע זיינע איברים. האָט ער דען באַקומען פליגל? איז ער דען געוואָרן שטאַרק ווי אַ לייב און גרינג ווי אַ הערש? און אַז ער איז אַ בעל מום זענען דען זיינע מומים פאַרהיילט געוואָרן? איז ער דען געוואָרן אַ מלאך ער זאָל נישט דאַרפן עסן און טרינקען? האָט ער דען זיך איינגעשאַפן חכמה און רוח הקודש?

**וכיון,** און ווייל ער האָט דאָך נישט די אַלע זאַכן, איז ער דאָך דער זעלביגער וואָס ער איז פריער געווען, און אַז ער וועט ווידער אָרים ווערן וועט ער ווידער זיין ווי פריער, ממילא טאָר ער זיך אַוודאי נישט האַלטן בגאוה קעגן זיין חבר, דעם אָרימאַן, צוליב דעם געלט וואָס עס איז ביי אים נאָר אַ געבאָרגטע זאַך, אָבער דאָס איז נאָר מחמת דעם שלעכטן האַרץ, וואָס דער יצר הרע רעדט אים אָן מיט שמייכלדיגע רייד צו שטערן די ליבשאַפט וואָס זיי האָבן געהאַט און רעדט אים אָן, דערווייטער זיך פון דעם אָרימאַן און לאָז אים נישט אַריין אין דיין הויז, מחמת פיל טעמים.

**חדא,** איין טעם (פאַרוואָס דער יצר הרע זאָגט אים, לאָז נישט אַריין דעם אָרימאַן), וועגן אַן עין הרע, דאָס אויג פון דעם אָרימאַן וועט דיך פאַרלענדן מיט אַלץ וואָס דו האָסט, ווייל ער וועט דיך מקנא זיין ווייל איר זענט ביידע געווען אין איין צושטאַנד און דו ביסט דערהויבן געוואָרן און ער איז געבליבן אָרים, דעריבער איז בעסער אַז דו זאָלסט זיין פנים נישט זען ווייל דיין לעבן איז דיר טייערער פון זיין לעבן.

**סבה ב׳,** דער צווייטער טעם איז, ווייל אַז דו וועסט אים בעטן אויף דיין שמחה און וועסט אים זען, וועסטו זיך דערמאַנען אין דיין ערשטע אָרימקייט און וועסט זיפצן, וועט דיין שמחה פאַרשטערט ווערן.

**סבה ג׳,** דער דריטער טעם איז, אַז עס וועט זיך טרעפן איין מאָל

וואָס דו וועסט אים נישט געבן שלום מחמת דיינע טירדות, וועט ער תיכף שרייען און וועט זיין דיין איבערענטפערער צום אויבערשטן, וועט דיר דערפאַר גרייכן שלעכטס, דעריבער איז בעסער אַז דו זאָלסט זיך פרעמד מאַכן פאַר אים און אים געבן אַ נדבה דורך אַנדערע מענטשן.

**כל זה,** אָבער דאָס איז אַלץ פון דער איבעררעדונג פון יצר הרע, אַז ער זאָל פיינט האָבן דעם וואָס השי"ת האָט ליב, וואָרים השי"ת האָט ליב אָרעמעלייט, און דערנאָך וועט דער יצר הרע אים אָפּרעדן מיט אַנדערע איבעררעדונג, ער זאָל אים שוין גאָר קיין נדבה נישט געבן, און נאָך דעם ווי ער וועט אים אַריינברענגען אין זיין נעץ און אין זיין עצה אַז ער זאָל פיינט האָבן זיין אָרימען חבר, וועט ער אים דערנאָך איבעררעדן ער זאָל טוהן אלע עבירות וואָס מען קען טוהן מיט געלט.

**לכן,** דעריבער, מיין פריינט, הער צו מיין מוסר און הער נישט די רייד פונעם יצר הרע און גיב אַ לויב צום אויבערשטן וואָס האָט דיך רייך געמאַכט, און טראַכט אין האַרץ אַז נישט אומזיסט האָט דער באַשעפער אַזוי געטוהן נאָר כדי מיך אויסצופּרובירן, צו זען אויב איך וועל העלפן אָרעמעלייט און איך דאַרף זיך מרחם זיין אויף זיי מיט מיין גאַנצען יכולת און תמיד זיי ווייזן אַ פרייליך פּנים און זיי מקרב צו זיין אין אַלע שמחות וואָס דער אויבערשטער וועט מיר צושיקן, און צו שטאַרקן זיי מיט גוטע רייד און צו געבן זיי מיט אַזאַ אופן אַז זיי זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן כדי דער אויבערשטער זאָל דאָס געלט איבערלאָזן אין מיינע הענט, ווייל איך וועל ביישטיין דעם נסיון וואָס דער אויבערשטער האָט אויף מיר געבראַכט.

**כי,** אָבער אז איך וועל טוהן פאַרקערט, וועט דאָס נישט געפעלן דעם אויבערשטן, וועט ער מיך ח"ו ווידער מאַכן אָרים און דעם מזל פון מיין חבר וועט ער דערהייבן, און מיט וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך

דערנאָך קומען צו אים ער זאָל זיך איבער מיר דערבאַרעמען, אַז איך בין קעגן אים געווען אַזאַ אכזר בשעת איך בין רייך געווען, און אויך די איבעריגע עשירים וועלן זיך נישט דערבאַרעמען איבער מיר ווייל זיי וועלן זאָגן צו מיר, אַזוי ווי דו האָסט געטוהן צו אָרימעלייט אַזוי וועט מען דיר טוהן.

## אַ מוסר השכל פאַר עמיצן וואָס מאַכט חתונה זיין טאָכטער צו אַן עם הארץ צוליב געלט

ו. **והנה,** און ווייל איך זע יעדן טאָג דער וואָס האָט אַ טאָכטער וואָס זי איז אים געליבט ווי זיין אויג, זוכט ער פאַר איר צו קריגן אַ זון פון אַן עושר צו געבן אים זיין טאָכטער מיט פיל געלט, נדן און מתנות, און זוכט גאָרנישט אַ קינד וואָס קען לערנען.

**לכן,** דעריבער זאָג איך דיר, דו זאָלסט נישט מקנא זיין די קינדער פון די עשירים, אַזעלכע וואָס זענען ליידיג פון אַלע חכמות און ליידיג פון תורה און מדות טובות און קענען נישט שרייבן און אפילו נישט רעכט רעדן, נאָר זיי זענען שיין געקליידעט און ברענגען אויס געלט צו דערפילן זייערע תאוות, און פונדעסטוועגן ווער עס האָט אַן איינציגע טאָכטער גיט אים פיל געלט און מתנות.

**ואתה,** און דו וואָס דו גייסט אין אויבערשטנ'ס וועג און דו גלוסט אין תורה און מצוות און עס פעלט דיר נישט קיין חכמה, און פונדעסטוועגן גייסטו אין געמיינע קליידער און קיין מענטש גיט אויף דיר נישט אַכטונג און קיינער גלוסט נישט צו דיין חכמה, אפשר וועט דיך דער יצר הרע אָנרעדן מתרעם צו זיין אויף דיין מזל ווייל דער זון פון דעם עושר וואָס ער איז אַ ליידיגער האָט זייער פיל גוטס און איך בין אין דעם פינצטערן מזל.

**דע,** זאָלסט וויסן דעם חילוק צווישן דיר און אים. עס איז דאָ אַ כלי זמר, אַ פידל און דער שמיציק ווערט געמאַכט פון האָר פון פערד, און אַז מען פירט דעם שמיציק אויף דעם פידל גייט אַרויס אַ זיס קול,

עס דערוועקט דאָס האַרץ פון ווייבער און קליינע קינדער צו טאַנצן און צו פרייען זיך מיט דעם קול. זיי מיינען אַז דאָס זיסע קול איז פון דעם פידל אַליין און גלוסט צו דער כלי און טראַכט זיך, ווער וואָלט מיך מזכה געווען די כלי זאָל זיין אין מיין הויז טאָג און נאַכט איך זאָל מיך פרייען מיט איר געזאַנג.

**ויהי,** ווען דער שפילער האָט אויפגעהערט צו שפילן און האָט אויפגעהאָנגען דאָס פידל אין אַ ווינקל און דער וואָס האָט געגלוסט דערצו האָט אָנגעהויבן מיט דער פידל צו רעדן כדי ער זאָל הערן אירע זיסע רייד, ווייל ער האָט געמיינט אַז די פידל שפּילט אַליין, אָבער עס איז קיין שום קול פון איר נישט ארויסגעגאַנגען, האָט ער פאַרשטאַנען אַז נאָר די האָר פון פערד מאַכן דעם קול, און פון דעם איז ער שוין געוואויר געוואָרן אַז דער פידל האָט נישט קיין קול. האָט ער תיכף חרטה געהאַט אויף זיין נאַרישע מיינונג וואָס ער האָט פריער געמיינט.

**כך,** אַזוי איז דער זון פון דעם עושר וואָס האָט אין זיך קיין שום חכמה נישט. ער איז גלייך צו דעם פידל וואָס דער שפילער מאַכט מיט די הענט איבער אים און דאָס מאַכט אַז דאָס פידל זאָל שפילן מיט אַ שיין קול. אַזוי אויך דער עושר באַקליידעט זיין זון מיט שיינע קליידער און באַדעקט אים מיט גאָלד און ברענגט אים אויף שמחות, און די וואָס זעען אים גלוסטן אין אים ווייל זיי טראַכטן אַז ווי זיינע קליידער איז זיין חכמה און זיינע מידות. אָבער אויב דער פאָטער שטאַרבט אָדער אַז ער פאַרלירט זיין געלט, ווערט אַנטפּלעקט זיין חרפה וואָס ער ווייסט גאָר ווייניג פון דער תורה און בלייבט אַ דארער בוים וואָס נוצט מער נישט נאָר צו קאָכן אָדער אָנצוצינדן אַ פייער פון אים.

**והיה,** און אַז דער זון פון דעם עושר האָט נישט פון וואַנען צו לעבן, ווערט ער אַ טרעגער, די שווער און שוויגער זעען אין וועלכע

הענט זיי האָבן איבערגעגעבן זייער טאָכטער און אויף וועמען זיי האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אַזוי פיל געלט און מתנות אויף דעם אַז זייער טאָכטער זאָל האָבן צרות און זייער געלט זאָל גיין לאיבוד, און די טאָכטער קלאָגט וואָס זיי האָבן איר געגעבן אַזאַ מאַן, ווייל אין הויז איז נישטאָ קיין ברויט און קיין קלייד. זי הערט נישט קיין קידוש און הבדלה, און פסח הערט זי אַפילו נישט זאָגן די הגדה.

## די מעלה פון דעם אָרימען זון וואָס איז אַ תלמיד חכם

**ז. אך,** אָבער איצט, דער בחור דער חכם וואָס קען יאָ לערנען, איז גלייך צו אַ פערל וואָס האָט נישט קיין אָפּשאַצונג, ער איז גלייך צו דימענטן וואָס ליגן אין אַ קליין האָלצערנע קעסטל איינגעשמירט אין ליים. דער וואָס זעט דאָס, גייט אַריבער און טרעט דערויף מיט זיינע פיס, ביז אַ געוויסער קלוגער מענטש איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט אויפגעהויבן דאָס קעסטעלע און האָט עס אַריינגעלייגט אין זיין שויס. ער האָט געוואָלט זען וואָס עס ליגט אינעווייניג. ווען ער האָט געעפנט דאָס קעסטעלע, איז זיין הויז אָנגעפילט געוואָרן מיט ליכטיגקייט און ער איז זייער רייך געוואָרן.

**ובאותו,** און מיט דעם עשירות האָט ער געטוהן פיל מצוות און מעשים טובים, און ער מיט זיין משפחה האָבן זיך געפרייט מיט דעם עשירות און מיטן גוטן נאָמען, און זענען געשטאָרבן מיט פרייד צו ירש'ענען שכר אין עולם הבא.

**כך,** אַזוי אויך דער ערליכער מאַן וואָס גיט זיין טאָכטער צו אַ תלמיד חכם, כאָטש זיינע קליידער זענען צוריסן, אָבער ער זעט וואָס עס איז דאָ אין אים, און אַז ער טוט אויס די צוריסענע קליידער ווייזט ער זיין געשטאַלט און די ליכטיגקייט פון זיין תורה, ער זיצט צווישן אנשים נכבדים און ער דרשנ'ט אין הייליגע קהילות, אַלע זענען גרייט צו באַדינען אים און אים מפרנס צו זיין. ער לערנט דעם פאָלק דעם

וועג ווי זיי זאָלן דינען זייער באשעפער זיי זאָלן האָבן עולם הבא. ער ווערט געלויבט אין הימל און איז באַליבט ביי מענטשן.

**אשרי,** וואויל איז די פרוי וואָס האָט אַזאַ מאַן; וואויל דעם שווער וואָס האָט זיך אויסדערווײלט אַזאַ איידעם, און כאָטש ער איז אַ פּראָסטער מענטש, וועט זיין איידעם, דער חכם, אים דערהויבן און וועט מיט אים לערנען תורה און דרך ארץ, און נאָך אַזעלכע גוטע מדות. ער וועט אים מאַכן זיצן צווישן די חכמים, ביז מען וועט אין אים אויך נוהג כבוד זיין און מען וועט אויפשטיין פאַר אים.

**זהו,** דאָס איז ביי זיין לעבן, און אַז ער שטאַרבט דרשנ׳ט דער איידעם וועגן אים און דערציילט זיינע שבחים ביז ער דערווייטערט פון אים אַלע מסטינים דורך דעם כח פון זיין תורה און ער גיט אים איבער אין דער האַנט פון די מלאכי שלום, זיי זאָלן אים פירן צו רו און מנוחה.

**אם כן,** אויב אַזוי, דו, בחור, וואָס דו ביסט אַ תלמיד חכם, ווי קענסטו מקנא זיין דעם בחור וואָס איז ליידיג פון אַלעמען צוליב די שיינע קליידער וואָס ער גייט אָנגעטוהן. די קליידער זענען דאָך אַ זאַך וואָס איז נישט באַהאָפטן מיט אים, און דיין חכמה איז באַהאָפטן אין דיר, און אַפילו אויב יעצט קוקט זיך קיינער נישט אום אויף דיר, אָבער סוף-כל-סוף וועט דער כבוד קומען צו דיר און די פאַלשקייט וועט אַוועקפאַלן און האָט קיין תקומה נישט.

## ווי אַזוי אַ שלעכטע פרוי קען פאַרפירן אין די ענינים

**ח. ודע,** און דו זאָלסט וויסן אַז דאָס שלעכטע וואָס דער עושר וויל נישט געבן זיין טאָכטער צו אַ תלמיד חכם, דאָס איז אָפט די עצה פון זיין ווייב, ווייל די דעה פון די ווייבער איז גרינג, דעריבער זעען זיי נישט וואָס פון דעם קען אַרויסקומען און זיי זעען ווי דער עושר גייט שיין אָנגעטוהן, און דער תלמיד חכם גייט אין צוריסענע קליידער, ווילן זיי בעסער דעם עושר, כאָטש דערנאָך וועט דאָך זיין דערפון זידלונג און שאַנד.

**לכן,** דעריבער האָבן אונזערע חכמים געזאָגט, דו זאָלסט נישט פיל רעדן מיט אַ פרוי, ווייל דער וואָס רעדט אַ סאַך מיט אַ פרוי, אפילו מיט זיין ווייב, דער איז גורם פאַר זיך שלעכטס און איז מבטל פון לערנען און ירשנ'ט דעם גיהנם.

**עוד,** נאָך האָבן אונזערע חכמים געזאָגט, דער וואָס גייט נאָך זיין ווייב'ס עצה, דער נידערט אין גיהנם, ווייל אַלע זייערע עצות זענען נאָר אויף די זאַכן וואָס גייען אָן צו דער הנאה פון דעם גוף.

**והאיש,** אָבער דער מענטש וואָס פאָרכט זיך פאַר דעם באַשעפער, דער הערט נישט די עצה פון זיין ווייב, און פאָלגט די חכמים צו געבן זיינע טעכטער צו תלמידי חכמים, ער וועט זוכה צו אייניקלעך תלמידי חכמים, אָדער צום ווייניגסטן וועלן זיי געלערנט זיין דרך ארץ און זיי וועלן זיי גאָט'ס פאָרכטיגע, און זיין טאָכטער וועט קיינמאָל נישט קומען צו קיין אָרימקייט, ווייל עס טרעפט זיך נישט אַז תלמידי חכמים זאָלן אַרומגיין אין די הייזער, און אונזערע חכמים האָבן שוין זייער פיל געשריבן וועגן דעם.

## דער שידוך פון יצחק מיט רבקה

**ט. הביטו,** זעט, אַז אברהם אבינו וואָס ער האָט געהאַט זייער פיל גאָלד און זילבער און האָט צו רבקה געשיקט גאָר אַ קליינע מתנה, כדי מרמז צו זיין, אַז זי זאָל נישט גלוסטן אין יצחק וועגן זיין פיל עשירות, נאָר צוליב זיין חכמה און תורה, ווייל דורך דעם וועט זי זוכה זיין צו האָבן גוטע קינדער וואָס וועלן מקבל זיין די תורה אויף דעם באַרג סיני מיט די לוחות, אַזוי ווי עס שטייט אין מדרש. און אַז דו וועסט גלוסטן אין יצחק נאָר צוליב זיין צדקות איז גוט, און אויב נישט זאָלסטו בעסער נישט קומען אין זיין הויז.

**ורבקה,** און די צדיקת רבקה האָט פאַרשטאַנען און האָט אַזוי געטוהן. כאָטש עס איז געווען קעגן דעם ווילן פון איר ברודער און איר מוטער וואָס האָבן געגלוסט דאָס געלט, האָט זי זיי

נישט געפרעגט, כדי זי זאָל זוכה זיין צו האָבן מיט אים אַזעלכע קינדער וואָס זאָלן מקבל זיין די תורה.

## די גרויסע עבירה פון די מענטשן וועלכע ווילן שטאַרבן מתוך צער און אָרימקייט

**י. גם**, אויך דו, קלוגער מענטש, ווייס וואָס פאַר אַ חרפּה דאָס איז פאַר אַ מענטש וואָס מחמת צער פון אָרימקייט גלוסט ער צו שטאַרבן, ווייל דאָס זעט אים אויס גלייך ווי ער האָט מקיים געווען אַלץ וואָס ער דאַרף מקיים זיין און ער האָט שוין גאַנץ געמאַכט זיין נשמה און איז גורם מען זאָל אין הימל זוכן זיין בוך און מען געפינט אויס אַז עס פעלט אים אַלץ און מען איז אויף אים גוזר יסורים. אויך דער וואָס וויל שטאַרבן, דער שפּעט פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט **"על כרחך אתה מת"**, קעגן דיין ווילן מוזטו שטאַרבן, דאָס שטאַרבן איז נישט מיטן מענטשנ׳ס ווילן, און דער מענטש וואָס שפּעט פון די רייד פון די חכמים, דער ווערט געמשפּט מיט אַ שווערן עונש.

**גם**, אויך דער וואָס גלוסט צו שטאַרבן, איז גלייך ווי ער פאַרמיאוסט ח״ו די מצוות פון אויבערשטנ׳ס עבודה, ווייל אויב ער וואָלט זיך געפרייט צו דינען השם יתברך, צו טוהן זיינע מצוות יעדן טאָג, וואָלט ער נישט געטראַכט פון קיין שום צער אויף דער וועלט, קעגן דעם וואָס ער כאַפּט אַריין יעדן טאָג צו דינען דעם באַשעפער, ווייל עס איז נישט דאָ קיין גרעסערע שמחה דערפון. ווי אַ מענטש וועלכער האָפט צו ווערן אַן עושר נאָך דעם ווי ער וועט זיבן יאָר אַרבעטן, איז דאָך די אַרבעט ביי אים פאַררעכנט פאַר גאָרנישט, קעגן דעם וואָס ער וועט דערנאָך ווערן אַן עושר.

**אך**, אַז דער מענטש זעט ווי זיין יצר הרע איז זיך מתגבר אויף אים זאָל ער מתפלל זיין צו זיין באַשעפער, און ער מעג אַזוי מתפלל זיין, אויב מיין יצר הרע וועט מיך וועלן איבעררעדן איך זאָל פאַר דיר זינדיגן, וויל איך בעסער דו זאָלסט מיך פון דער וועלט אַוועקנעמען

פאַר מיין צייט און נישט זיין אַ רשע פאַר דיר אַפילו איין רגע. דער וואָס טוט אַזוי דער ווערט אָנגערופן דעם אויבערשטנ׳ס באַדינער, נישט דער וואָס טוט עס מחמת דעם צער פון גוף.

**עוד,** נאָך איז שלעכט, וואָס איינער זאָגט, מיין טויט איז בעסער פון מיין לעבן, ממילא זאָגט ער דאָך אַז דער באַשעפער טוט אים שלעכטס דערמיט וואָס ער טויט אים נישט, אָבער דער אמת איז דאָך אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט צו באַגיטיגן זיינע באַשעפענישן, און יסורים וואָס קומען אויף אים זענען אלץ פון זיין טובה וועגן, כדי ער זאָל אָפּקומען די עבירות וואָס ער האָט געטאָן, אָדער צו מערן זיין שכר, כדי ער זאָל זיך פרייען אין זיין לעצטע צייט.

**ועוד,** אויך די וואָס האָפן צו שטאַרבן, גלייבן נישט אין משיח און אין דין וחשבון, שכר און עונש, ווייל אויב ער זאָל האָפן משיח וועט קומען, איז דאָך מעגליך אַז באַלד זאָל קומען משיח, וועט ער דאָך שוין ניצול ווערן פון זיינע צרות.

**וגם,** אויך ווען ער זאָל גלייבן אין שכר פון צדיקים און אין עונש פון רשעים נאָך זייער טויט, ווי גלוסט ער צו שטאַרבן כדי זיך מציל זיין פון צרות, ער גייט דאָך צו אַ צער וואָס ער איז פיל מאָל גרעסער. דאָס איז דער משפט פון גיהנם אויף די עבירות וואָס ער האָט געטאָן, ווארים עס איז דאָך נישט דאָ אַ מענטש וואָס זאָל נישט זינדיגן, און בפרט די שרעק פון דעם מלאך המות און דער צער פון חיבוט הקבר, מוז זיין אַז ער לייקנט אין דעם אלעמען.

**גדולה,** נאָך מער פון דעם, דער וואָס וויל שטאַרבן האָט תמיד תרעומות אויף דעם באַשעפער, וואָס ער דערפילט אים נישט זיין וואונטש און דאָס וועט אים ברענגען חרטה צו האָבן אויף די מעשים טובים וואָס ער האָט פריער געטאָן און פאַרמיאוסן אין תורה און מצוות.

**ובהיות**, און ווייבאַלד ער פאַרמיאוס'ט זיין לעבן גלוסט ער שוין נישט אין דער דינסט פון דעם באַשעפער און ווערט גערעכנט ווי אַ מת ביז עס ווערט צומישט זיין דיעה און דורך זיין שטות לייקנט ער בפרהסיא אין אויבערשטן, און וואָס ער האָט געהאַט אין האַרץ טוט ער אַרויסרעדן, ביז ער ווערט שטאַרבן אָן מוסר.

## דער מענטש דאַרף שטענדיג זיין פריילעך, געדענקענדיג וועלכע מצוה ער איז מקיים – די שענדליכקייט פון פאַרברענגען די צייט מיט נאַרישקייטן

**יא. לכן**, דעריבער מוז דער מענטש זען זיך צו פרייען אַז ער איז מקיים אַ מצוה, און ער זאָל זיך פרייען מיט זיין לעבן ווייל ער דינט דעם באַשעפער נאָך איין טאָג, און ער זאָל טראַכטן אַז דעם צער און ענגשאַפט וואָס ער האָט איז פיל וויניגער פון דעם שכר וואָס ער פאַרדינט פון די מצוות וואָס ער טוט. און אז ער וועט אַזוי טראַכטן וועט ער נישט פרעגן אויף זיין צער און וועט זוכן מצוות מקיים צו זיין און מיט זיי וועט ער פאַרברענגען זיין צייט און וועט פאַרגעסן זיין אָרימקייט.

**צא**, גיי און זע, דער גרעסטער פון די נביאים און דער עלטסטער פון די חכמים, משה רבינו ע"ה, וואָס ער האָט געוואָלט דער אויבערשטער זאָל אים לאָזן לעבן אויף דער וועלט כדי צו דינען דעם באַשעפער און צו טאָן מצוות, כאָטש ער האָט נישט דורכגעלאָזט איין מצוה ער זאָל זי נישט מקיים זיין, נאָר ער האָט געגלוסט נאָך אַמאָל זיי מקיים צו זיין, צוליב די גרויסע ליבשאַפט וואָס ער האָט געהאַט צו זיין באַשעפער, ער האָט דערויף תפילה געטאָן דער באַשעפער זאָל אים לאָזן אויף דער וועלט, ווייל ווען דער מענטש שטאַרבט ווערט ער פריי פון מקיים זיין מצוות.

**ומה**, און ווען משה רבינו, וועלכער האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה און נאָך זיין טויט איז ער געגאַנגען אונטער דעם כסא

הכבוד, פונדעסטוועגן האָט ער פאָרט געוואָלט בלייבן אויף דער וועלט צו דינען זיין באַשעפער נאָך אַ צייט. איז שוין אַ פשיטות אז יעדער מענטש, וואָס נאָך זיין טויט איז ער אָנגעברייט צו געבן אַ דין וחשבון, דאַרף אוודאי בעטן דעם באַשעפער ער זאָל אים פאַרלענגערן זיינע יאָרן און אַז ער זאָל נישט זאָרגן פון קיין שום צער אויף דער וועלט קעגן דעם וואָס ער איז מרוויח יעדן טאג מצוות, און צום וויניגסטן וואָס ער דאַוונט אינדערפרי, און מנחה און מעריב.

**ודע,** און דו זאָלסט וויסן, אַז ווען אַ מענטש בעט דעם טויט אויף זיך, קומט עס דורך דעם וואָס ער גייט אַרום ליידיג, ווייל דער וואָס איז עוסק אין אַן עסק האָט קיין צייט נישט שטאַרק אַריינצוטראַכטן אין דעם צער וואָס ער איז דערין. און אונזערע חכמים האָבן זייער פיל געשענדעט דעם וואָס גייט אַרום בטל און האָבן געזאָגט אַז אַ מענטש דאַרף אויסלערנען זיין זון אַן אַרבעט, כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך מפרנס צו זיין, און אויך כדי ער זאָל נישט טראַכטן קיין פרעמדע מחשבות און פילן זיין צער, כדי ער זאָל נישט בעטן אויף זיך דעם טויט.

**ותלמיד חכם,** און אַ תלמיד חכם, פאַרמיידט אים דאָס לערנען פון דעם אלעמען, ווייל די תורה האָט געבעטן פון באַשעפער אַז מען זאָל אין איר עוסק זיין פון ענגשאַפט, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט. און מיר זעען דאָך אַז די תלמידי חכמים זיצן און לערנען כאָטש עס איז זיי זייער ענג, ווייל זיי קוקן נישט אויף זייער צער, צוליב דעם וואָס זיי דינען דעם באַשעפער מיטן לערנען זיין תורה.

❀ ❀ ❀

## הוספה לאות ו׳

## דער הייליגער צדיק הגה״ק רבי הלל מקאלאמאייע זי״ע שרייבט אין זיין ספר עת לעשות שאלה מא (דף קנז) וזל״ק:

**שאלה מא:** ווייל ביי יעדן שידוך זענען דאָ מעלות מיט חסרונות, וועלכע איז ער מחויב פאָרצוציען, און וועלכע אַוועקלאָזן.

**תשובה:** זאָג איך דיר, וויבאַלד דער תכלית פון לעבן פון דעם מענטש בעולם הזה איז נאָר, אַז ער זאָל זיך ערווערבן תורה און מעשים טובים, און דער וועג וואו דער מענטש מוז רייזן נאָך זיין לעבן איז זייער אָנגעהויער ווייט, און דעריבער נויטיגט זיך זייער אַ סך צדה לדרך, דערפאַר איז אַ מדה טובה אַז דער מענטש זאָל קיינמאָל נישט זיין קיין שמח בחלקו אין הינזיכט פון עולם הבא, זיך איינצוקויפן תורה און מעשים טובים, דאָס הייסט ער זאָל מיט זיך קיינמאָל נישט זיין קיין שמח בחלקו אין הינזיכט פון עולם הבא, זיך איינצוקויפן תורה און מעשים טובים, דאָס הייסט ער זאָל מיט זיך קיינמאָל נישט זיין צופרידן, ווייל אַזוי לאַנג אַז ער לעבט און האָט נאָך כח מוז ער שטענדיג שטרעבן זוכן וואו ער קען געווינען מער מעשים טובים, אָבער ווייל דעם מענטשנס לעבנסצייט זענען נישט לאַנג דויערענדע, היות זיי זענען דאָך נאָר זיבעציג יאָר, און זיי גייען באַלד אַריבער, דעריבער מוז ער זאָרגן און טראַכטן, אויף אַזאַ פלאַן צו קומען, וויאַזוי ער זאָל זיך קענען פאַרשאַפן מעשים טובים אויך נאָך זיין לעבן, און ווייל דער מענטש איז אַ פלג גופא, אַ האַלבער גוף, און אַזוי לאַנג ווי ער איז אין לײדיגן שטאַנד, איז ער געהינדערט אין אַ סך זאַכן פון תורה און מעשים טובים, דעריבער האט די תורה געזאָגט, ״לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו״ - עס איז נישט גוט אַז דער מענטש זאָל זיין אַליין, איך וועל אים מאַכן אַ געהילף. אַז ער זאָל זיך נעמען אַ אשה וועלכע זאָל אים זיין בייהילפיג, צו פאַרגרינגערן פון ענינים הכרחיים, נויטיגע זאַכן פון עולם הזה, אַז דורך איר זאָל ער

האָבן מער צייט פאַר תורה און מעשים טובים. צווייטנס דורך די אשה קען ער זוכה זיין אַז ער וועט האָבן ערליכע קינדער וועלכע ער וועט ערציען אויף דעם וועג פון תורה און יראת שמים, אַזוי אַז נאָך זיין לעבן וועלן זיי גורם זיין, אַז ער איז נאָך ווייטער אַן עובד ה׳ ומקיים מצוות, ווייל דער יעניגער וואָס ער לאָזט איבער קינדער יראי השם, ווערן זייערע מעשים טובים גערעכנט אַזוי ווי דער פאָטער וואָלט זיי מקיים געווען, ווייל ער האָט פאַראורזאַכן און האט זיך באַשטרעבט צו פירן זיי אויף אַזאַ וועג, אַז זיי זאָלן זיין אמת׳דיגע ערליכע אידן.

**דעריבער,** ווייל דער תכלית פון נשיאת אשה איז, אַז דורך איר זאָל ער געווינען די אויבנדערמאָנטע צוויי זאַכן, זאָל ער זיך גוט באַטראַכטן ווען זיין זמן הנשואין קומט, אָדער דער זמן הנשואין פון זיינע קינדער, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון די דרכי המון עם, פון דעם געמיינעם פאָלק, דהיינו אַז נאָר דאָס געלט איז אַלעס, און מען קוקט זיך גאָרנישט אום אויף צניעות, אויף יראה און מדות טובות, אויף יחוס משפחה, ווייל דער וועג איז קרוב להפסד און רחוק משכר, נאָענט צו שאָדן, און ווייט ווייט פון געווינען... ווייל וויבאַלד מיר זענען דאָך אידן און מיר באַזיצן אמונה, און אין דעם וואָרט אמונה איז פאַרשטאַנען, אַז נאָר השי״ת אַליין מאַכט אָרעם און רייך, הייסט, איז אים פון השי״ת באַשטימט עשירות וועט עס צו אים קומען, אַפילו ער וועט נעמען נאָך אַזוי אַ קליינעם נדן, איז אָבער אויף אים נגזר געוואָרן אַז ער מוז אָרעם זיין, נוצט אים נישט אַפילו ער נעמט נאָך אַזויפיל נדן. אָבער צו זוכן אַזאַ אשה כשרה, וועלכע באַזיצט[א] יראת

---

[א] (עיין מנורת המאור נר ג׳ כלל ד׳) ווען אַ מענטש וויל זייען ווייץ, און ער וויל אַז די פרוכטן זאָלן גוט אויספאַלן, זעט ער אַלעס מעגליכעס צו טאָן אַז ער זאָל זיך אויפזוכן אַזאַ פעלד, וואָס האָט אַלע מעלות, וואָס דורך דעם זאָל די תבואה זייער גוט אויספאַלן, הייגט וואָס אַלץ איז אַ מענטש מחויב צו טאָן, ווען זיין זמן הנשואין קומט, אַז ער זאָל רייכטום, חן און יופי נאָר פאַר אַ טפל מאַכן, און דער עיקר זאָל ביי אים זיין נאָר יראת השם, כדי דורך דעם זאָל ער שפעטער קענען ערוואַרטן אַז זיינע תולדות, קינדער, וועלן זיין פּרי קודש, הייליגע פרוכט.

שמים און צניעות, אַז דורך איר זאָל ער קענען פיל תורה און מעשים טובים ערווערבן, דאָס איז אָפּהענגיק נאָר אין זיין בחירה, דעריבער זאָל מען האָבן שכל, אַז מען זאָל קוקן נאָר אויף דעם עיקר אויב זי האָט יראת שמים, אויב זי איז אַ צנועה און אַ בושת פנים, און בפרט אויב תורה לערנען און יראת שמים האָט ביי איר אַ ווערט, אויב זי וועט זיין צופרידן אַז זי זאָל זיך נישט צירן מיט פאה נכרית, וואָס עס ווערט גערופן שייטל[ב].

❖ ❖ ❖

[ב] גרויס זענען די דברי חכמינו ז״ל וואָס זאָגן, אַז דער דרך פון יצר הרע איז ווען ער וויל דעם מענטש פאַרפירן, אַז שפעטער זאָל ער אים קענען אין שאול תחתית אַריינשטאַרצן, איז נישט דער אָנפאַנג פון זיין הסתה, איבעררעדן צו גרויסע עבירות, נאָר צו קליינע, און ביי די הסתה פון די קליינע עבירות אַליין איז ער זיך מתלבש אַלס אַ צדיק, אַז נישט נאָר עס איז נישט קיין עבירה נאָר עס איז אויך אַ מצוה, ווייל דער יצר הרע ווינטשט צו דערלעבן די צייט אַז די אידישע טעכטער זאָלן זיין פרוצות, צו פאַרלאָזן דאָס גאַנצע דת יהודית, אַז זיי זאלן גיין בגלוי שער, מיט אויפגעדעקטע האָר, אַזוי ווי נשים נכריות, ווייבער פון אַנדערע פעלקער, ווי קען דאָס אָבער זיין, ווייל פון אַ סאַמעט-באַנד צו טראָכן ביז טיף אין שטערן, ביז צו גיין פריי מיט אייגענע האָר, איז דאָך אַ סך מיילן ווייט, איז ער זיך מתחכם, קליגט זיך, מיט זיין הסתה מדרגה לדרגה צו גיין, דהיינו ער זאָגט, די ערשטע דורות וועלכע האָבן געהאַט אמת׳דיגע יראת שמים, האָט די גרויסע אהבת ה׳ פאַראורזאַכט אַז זייער צירונג און שמוק און אַרץ, אַפילו אַז דאָס איז ביי נשים זייער טייער האָבן זיי דאָך אַלעס באַזייטיגט כדי זיי זאָלן נאָכפאָלגן דאָס דת יהודית און צניעות און צד היותר טוב, און האָבן די סאַמעט-באַנד געטראָגן ביז טיף אין שטערן, כדי אַז קיין האָר זאָל נישט געזען ווערן, לײדער אָבער אין אונזער היינטיגן דור, וואָס די ברענענדיגע יראת שמים איז זייער פיל פאַרלאָשן, דעריבער כדי צו קענען זיך בעסער צירן איז מען נישט צופרידן אַז די סאַמעט-באַנד זאָל גרייכן טיף אין שטערן, און דורך דעם מאַכט זיך פיל מאָל אַז שערות ראשה, די האָר פון איר קאָפּ ווערן געזען. דעריבער איז מיין עצה לשם שמים, צו באַפעסטיגן דאָס צניעות פון דת יהודית, אַז מען זאָל די אַלטע מאָדע פון טראָגן אַ סאַמעט-באַנד אינגאַנצן אָפּשאַפן, און טראָגן נאָר אַ שייטל פון צווירן, זיידן אָדער האָר, אַז עס זאָל אויסזען אַזוי ווי אירע אייגענע האָר, און זי וועט זיך געוויס נישט שעמען אַפילו ווען עס גרייכט ביז טיף אין שטערן, און דורך דעם וועלן אירע האָר נישט געזען ווערן.

## נאָך שרייבט ער דארט אין עת לעשות שאלה יג וז"ל:

**שאלה יג:** וויפיל קענען נשים צדקניות ברענגען דערצו צו באַפעסטיגן דאָס אידישקייט.

**תשובה:** אויף דעם גיב איך אַ תשובה, זיי קענען אַ סך גורם זיין דערצו. ווייל איינע פון די מויערן וואָס זיי האַלטן ריכטיג דעם אידישן דת, זענען די נשים צדקניות שבכל דור ודור, די פרומע ווייבער אין יעדער דור. ווייל אַזעלכע נשים וואָס ביי זיי איז זייער טייער און זייער חשוב לערנען תורה צוליב יראת שמים און מקיים זיין מצוות, און זיי פאַרשטייען אַז דאָס צו דערגרייכן איז אַ סך מער ניצלעך און פאַרציגלעך פון אַלע הצלחות און רייכקייט וואָס עס עקזיסטירט אונטער די זון, און דערפאַר זעען זיי צו טאָן אַלס מעגליכעס צו זיין בייהילפיג זייערע מענער, אַז זיי זאָלן יעדן טאָג לערנען עפּעס תורה נאָך זייער כח און פאַרשטאַנד, גמרא, מדרש ספרי מוסר, אָדער וויינינגסטנס ספרי מוסר אויף אידיש טייטש. אויך באַשטרעבן זיי זיך מיט זייער גאַנצן כח, צו געבן זייערע קינדער אַזאַ ערציאונג, צניעות און מדות טובות און יראת שמים, אַז זיי זאָלן דורכדעם פעאיג זיין צו לערנען תורה.

**פון** וואו קומט דאָס אָבער אַז אַ אשה זאָל זיין אַ צנועה, אַ כשרה און אַ צדיקת, און אַז די זאָל זיין אין אַ זאַ מצב אַז די זאָל פאַרשטיין דעם גראד און דעם טייערן ווערט פון תורה און יראת שמים, כדי איר גאַנצער שטרעבן און גלוסטיגקייט זאָל נאָר זיין צו ערציִען קינדער זיי זאָלן זיין בני תורה און יראת שמים, און זיין בייהילפיג דעם מאַן אַז ער זאָל נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן דאָס לערנען תורה. דערפאַר זאָג איך דיר, די גוטע און ערליכע ערציאונג וואָס דאָס קינד באַקומט און פאַרנעמט אין זיינע יונגע יאָרן, דאָס ווירקט אַ סך אויף די עלטערן און שפּעטערע יאָרן. ווען זי איז ערצויגן געוואָרן נאָר אויף דעם וועג פון תורה און יראה און צניעות, אַז זי איז תמיד גערופן געוואָרן נאָר מיט דעם אידישן

נאָמען, און זי האָט געטראָגן נאָר אַזעלכע קליידער פון צניעות, און איז קיינמאָל נישט געקומען אין געמישטע חברותות פון תערובות, און מען האָט זי איינגעוואוינט צו זיין אַ בושת פנים, אויך אַז זי האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרראָכטן אירע האָר אום שבת, און מען האָט זי מדריך געווען אַז זי זאָל קענען דאַוונען און לייענען אידיש טייטש, וואָס דורכדעם ווערט ביי איר יעדן טאָג פאַרמערט מוסר, יראה, צניעות, מדות טובות, ווייל זי לייענט יעדן טאָג מנורת המנור, שמחות הנפש, קב הישר און שבט מוסר, וואָס דורכדעם פאַרשטייט זי דעם ווערט פון תורה דעם שכר פון גן עדן, דעם עונש פון גיהנום, דעם חומר העבירות, דעם גראַד פון די עבירה אויף וועלכע עס קומט נאָר מלקות, אויף וועלכע עס קומט כרת, וואָס די נשמה ווערט פאַרשניטן פון דעם עץ החיים. יעצט ווען זי פאַרלעבט אויף דעם אופן אירע יונגע יאָרן, איז ווען עס קומט די צייט אַז זי זאָל חתונה האָבן, האָט איר אויסגעטראָטענעם וועג פון די תורה... און ווייל זי איז געוואוינט פון איר יוגנט אָן צו גיין אין די וועגן פון תורה און יראה וועט זי געוויס אַלעס זען צו טאָן אַז זי זאָל געבן אַ געלעגנהייט פאַר איר מאַן, אַז ער זאָל זיין אַן ערליכער איד, און אַז ער זאָל זיך באַהעפטן אין תורה און מיט תלמידי חכמים. אויך וועט זי זיך באַשטרעבן צו פירן אירע קינדער נאָר אויף דעם וועג פון תורה און יראה. דורכדעם זענען די נשים צדקניות אַ פעסטער מויער צו שמירת התורה, ווייל זיי זענען גורם אַז זייערע מענער און קינדער זאָלן בלייבן געטריי צו דער תורה.

❖ ❖ ❖